

י. ל. פרץ

ה. ד. נאָמבערג

# א ליטעראַרישער דור.

(וועגען י. ל. פרץ).

Drukarnia **B-ci Lewin-Epstein, Warszawa, Pawia 38.**

דרוקערײַ פֿון בר. לעווין־עפשטײַן, װארשא. פּאװיא 38.

# פֿאָרוואָרט.

איך האָב געקענט פּרץ'ן אַן ערך 18 יאָהר, די לעצטע יאָהרען פון זײַן לעבען און די פּרוכטבאַרסטע אין זײַן ליטעראַרישער טעטיגקייט. די דאָזיגע יאָהרען באַדײַטען אויך אַ תקופה אין דער יידישער ליטעראַטור, אַ גאַנצער ליטעראַרישער דור. פּרץ איז דער פיהרער פון דער תקופה, ריכטיגער וועט זײַן צו זאָגען: דער מיטעל־פּונקט פון דער תקופה, אַ צענטער פון השפּעות, אַלץ שפּיגעלט זיך בײַ איהם אָב און שטראַהלט צוריק, אַזוי ווי פון אַ ברענגלאָז. ער איז נישט קיין גרינדער פון אַ ליטעראַרישער שולע, ווײַל ער איז ביז צום לעצטען טאָג פון זײַן לעבען געווען אַ זוכער און אַ שטרעבער, ער האָט שטענדיג איבערגעשפּרונגען פון סטיל צו סטיל. דער ליטעראַרישער דור אָבער, וואָס האָט זיך גרופּירט אַרום איהם, זײַנע תלמידים, זענען נישט געגאַנגען אין זײַנע דרכים. כמעט יעדער פון זיי האָט זײַן אויסגעטראָטענעם וועג, זײַן געביעט און זײַן סטיל. פּרץ איז געווען — איך האָב דאָס שוין ערגיץ־אַנדערש־וואו געזאָגט — אַ פאָטער פון אַ ליטעראַרישער משפּחה. דער לעבעדיגער אינטערעס צו דער ליטעראַטור, דער דראַנג צו שאַפען, די טיעפע ליעבשאַפט צו אַלץ, וואָס איז שעהן און דערהויבען, די דאָזיגע ליעבשאַפט, וואָס האָט דאָמינירט איבער אַלע לײַדענשאַפטען פון זײַן שטורמישער נאַטור, — דאָס האָט, קודם־כל, געמוזט ווירקען מאַגנעטיש אויף אַלץ, וואָס איז דעמאָלט געווען לעבעדיג און שעפּעריש און אַנדער וועלט. די דאָזיגע 18 יאָהר באַדײַטען אויך פּרץ'ס וואוקס, די צײַטיגסטע ווערק האָט ער דעמאָלט געשריבען, זײַן שפּעטער זומער איז עס געווען, ווען ער האָט זינגענדיג געשניטען, וואָס ער האָט אַמאָל געזייעט מיט אַ לײַכטזיניגער האַנד, כמעט אָהן ערנסט און אָהן האָפענונג — די יאָהרען פון זײַן וואַקסענדיגען רוהם.

וועגען די דאָזיגע יאָהרען וויל איך שרײַבען. אָבער איך מוז פריהער אויסרעדען מיט'ן לעזער, ער זאָל נישט דערוואַרטען פון מיר קיין זכרונות. איך האָב כמעט גאָר נישט נאָטירט פון זײַן לעבען, און אויף מײַן זכרון קאָן מען זיך קנאַפּ פערלאָזען, סײַדען, ווען דאָס דערמאָהנטע באַדײַט פאַר מיר אַן אײַנדרוק, אַ דורכגעלעבטע זאַך. דערמיט אַליין איז שוין געזאָגט, אַז די דאָזיגע שורות מוזען, צי איך זאָל יאָ וועלען, צי נישט, טראָגען אַ ביסעל אַ סובּיעקטיווע פאַרב. אין מײַן זכרון איז לעבעדיג, ווי אַזוי פּרץ האָט געווירקט אויף זײַן סביבה, ווי אַזוי די סביבה האָט אויף איהם געווירקט, די פערשיעדענע ליטעראַרישע השפּעות, וואָס ער האָט אויפגענומען אין זיך, יענע גײַסטיגע פעדערן, וואָס האָבען דעמאָלט געטריבען די ווײַזערס פון דער צײַט. פּרץ איז דאָך געווען אַזוי עמפּפינדליך אויף יעדען מינדסטען ריהר אין דער אַטמאָספערע פון דער צײַט!

אַ בינטעל אײַנדרוקען, דערלעבענישען, פערקניפּטע מיט פּרץ'ן און זײַן טעטיגקייט — אַט וואָס דער לעזער האָט צו דערוואַרטען.

ג.

# פּרץ אין מײַן פאַנטאַזיע.

אלול איז אַ חודש פון זאָרג, פון ערנסטע געדאַנקען און אַ שווערען געמיט פאַר אַ יונגענמאַן און אַ קליין שטעדטיל, וואָס שטעקט נאָך קערפערליך און גייסטיג אין דער וועלט פון דער רעליגיע. יענער אלול פאַלט־אויס גראָד אין דער צייט פון דעם גרויסען רעליגיעזען ברוך, ווען עס דוכט זיך, די ערד וואַקעלט זיך אונטער די פיס און דער היכעל פאַלט־איין איבער'ן קאָפּ. ס'איז געשעהן בײַ מיר אַזוי מיט אַמאָל, מיט אַ דערצידערטקייט. אין דער פריה האָבען איבער מיר נאָך געהאַנגען זיבען הימלען, איך האָב זיך געאַמפּערט, געשטאַרקט, געקלאַמערט זיך מיט די לעצטע כּוחות אָן מײַן רעליגיעזער וועלט־אַנשויאונג. פאַרנאַכט איז שוין געווען נאָך אַלץ. איך האָב איינגעזעהן, אַז אומזיסט איז יעדע מיה צו דערהאַלטען דאָס בנין, וואָס איז שוין אַזוי לאַנג געשטאַנען אויף שטרויענע פיס, איך האָב פערצווייפעלט, און דאָס בנין איז איינגעפאַלען, ווי אַ קופּע דורכגעפוילטע בעלקעס. מײַן „איך" איז געבליבען פערגראָבען אונטער די חורבות.

דאָס איז יענע קאַטאַסטראָפע פון מענשען, וואָס זענען דערצויגען אין אַ מישפּער אומות'ער רעליגיעזיטעט פון וועלכער וועלטען־אונער קומט־אַרויס גאַנץ, זיהן קענטיגע שפּאַרען אויף זײַן גאַנצען לעבען. שווער און פּאַמעליך געהט־צו די היילונג, און וואָס טיעפער די רעליגיעזיטעט, אַלץ ערשיטערטער די קאַטאַסטראָפע.

איך האָב מיך געוואָרפען אַ דורשטיגער אויף די „ביכלעך", אויף דער העברעישער ליטעראַטור פון יענער צייט. אָבער אַנשטאַט צו ברענגען עפּיס אַנ'אַנהאַלט, אַנשטאַט אויסצופילען די מורא'דיגע פּוסטקייט, וואָס האָט זיך בעזעצט אין מיר, האָבען די „ביכלעך" מיך נאָר דערציטערט און אָבגעשטויסען פון זיך. מיר האָט אויסגעזעהן, אַז דאָס האָבען געשריבען לײַכטזיניגע מענשען. אַ יונגערמאַן האָט ליעב געהאַט אַ מיידעל, דאָס מיידעל האָט איהם יאָ ליעב געהאַט, צי נישט, אַ רב האָט גע'אסר'ט אַנ'עגונה צוליעב אַ קוצו של יוד... וועגען אַלץ אויף דער וועלט רעדט מען דאָ, אָבער נישט וועגען עיקר, וועגען דער עצם־פראַגע: וואָס טהוט מען אויף דער וועלט, וואָס איז אַזוי פּוסט און אַזוי וויסט? וואָסערע זין האָט דאָס לעבען, וואָס איז בעגרעניצט מיט 70 יאָהר און ענדיגט זיך מיט טויט און פערניכטונג?

איך האָב מיך געפיהלט ניעדערגעשלאָגען, אונטער דעם דרוק פון אַ קרענקליכער מרה־שחורה, גייסטיג און פיזיש געבראָכען.

די ערשטע נאַכט פון סליחות, אַ קיהלקייט האָט זיך שוין געפיהלט אין דער לופט, בין איך געלעגען אין דער בודע פון אַ סאַד, וואָס מײַנס אַ בעקאַנטער, אַ משכּיל, האָט געהאַלטען. ער

האָט מיר געוויזן אַ נײַ ביכעל, וואָס ער האָט אויסגעשריבן פון ווארשא. „העוגב" האָט עס געהייסן. דאָס ביכעל האָט געהאַט דעם פּאָרטרעט פון מחבר, י. ל. פּרץ, אַ יונגער מענש מיט אַ ראַזירט פּנים, דיקע וואָנסען און אונגעהויער קלוגע אויגען. ער איז געווען ווינטערדיג אָנגעטהון, דער פוטערנער קאָלנער האָט דערויף עדות געזאָגט. איך האָב גענומען בלעטערן דאָס ביכעל מיט אַפּאַטיע, זייענדיג פריהער איבערצייגט, אַז איך וועל דערין גאָרנישט געפינען, אַזוי ווי איך האָב נישט געפונען אין אַלע איבעריגע ביכלעך. נור אונפערשטענדליך פאַר מיר אַליין, נישט אָהנענדיג ווי אַזוי דאָס איז געשעהן, האָט מיך דאָס ביכעל אַזוי בעוועלטיגט, אַז מיין בעקאַנטער האָט נישט געקאָנט פערשטעהן, וואָס מיט מיר פּאַסירט. איך האָב די שירים געלייענט, איבערגעלייענט, און נישט גערטווילליג האָב איך זיי גענומען אויסזינגען. ביי „הגידי לי, תמורה" האָב איך געהאַט פולע אויגען מיט טרעהרען.

אַז מיין בעקאַנטער האָט מיך געפרעגט, איך זאָל איהם דערקלערען, וואָס שטעהט דאָ אַזויינס, וואָס האָט מיך אַזוי צערודערט, אַז מיין נידערגעשלאָגענע אַפּאַטיע איז איבערגעגאַנגען אין עפּיס אַ מאָדנעם עקסטאַז, בין איך נישט געווען אימשטאַנד איהם דאָס צו דערקלערען. איך האָב אַליין קוים געהאַט עפּיס אַ בעגריף וועגען דעם, וואָס אייגענטליך בעדייט דאָס וואָרט „פּאָעזיע", צי „שענקייט".

עפּיס איז וואַכענדיג געוואָרען אין מיר אין יענער נאַכט. דער ערשטער שטאַרקער איינדרוק פון פּאָעזיע איז דאָס געווען, און ער האָט געשטאַמט פון דעם מענש אין פוטער'ל, דער אונבעקאַנטער און דאָך אַזוי נאָהנטער.

אַז איך האָב דערנאָך אויפגעהויבען די אויגען צום אויסגעשטערנטען טונקעלען הימעל, האָט ער מיך מעהר ניט געשראָקען מיט זיין ווייסטער, פּוסטער אונענדליכקייט...

און פון דעמאָלט־אָן, ווען די מרה־שחורה האָט מיך צוגעדריקט, האָט זיך אין מיין פאַנטאַזיע אויסגעריסעוועט אַ ווינטערדיגע שנייאיגע לאַנדשאַפט, אַן־איין־שטאָקיג הויז מיט אַ שמאָל גערטענדעל פאַר די פענסטער און בוימער מיט צוגעפרוירענעם טהוי, אַ יונגערמאַן אין אַ פוטערעל שפּאַצירט־אַרוים...

מיין חלום איז דאָס געווען.

ווי אַזוי וועט אָט דער יונגערמאַן מיט די קלוגע אויגען ענטפערן אויף מיין גרויסע פראַגע, — דערפון האָב איך נישט געקלערט. אָבער זיכער בין איך געווען, אַז דער ענטפער מוז קומען פון דאַנען, אַז דאָס זינגענדיגע קליינע ביכעל מוז עפּיס האָבען אַ שייכות צו דעם גרויסען רעטעניש פון דער וועלט.

דאָס איז דער ערשטער איינדרוק פון פּרץ'ן. דער ערשטער איינדרוק איז, זאָגט מען, דער, וואָס דעצידירט און וואָס דויערט אַם לענגסטען. איך מיין, ער איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער צוגעבונדענקייט פון אַ גאַנצען ליטעראַרישען דור צו דעם ליטעראַרישען רבי'ן.

אויסערליך האָט עס זיך ביי יעדען פערשיעדען אויסגעדריקט, אַנדערש איז עס דורכגעלעבט געוואָרען, אינערליך איז עס געווען דיזעלבע בעציהונג פון גלויבען און צוטרויען, וואָס מען שענקט דעם פאַרגעשריטענעם אין גייסט.

## ב.

# נאָך די „בלעטלעך“.

פּרץ איז אין זיין לעבען געשטאַנען אונטער אַלערליי השפּעות. ער האָט געהאַט אַ קנאַפּע צוזעבענדרעקייט צו איד־רעען — ער איז געוועזן אַן אמתער פריינער פויגעל, אַ דאָן זשואַן אין דער וועלט פון אידעען: ער האָט געלעבט מיט דער לעצטער און שענסטער אידעע, וואָס האָט בעוועלטיגט זיין האַרץ, אין דער טיעפעניש פון זיין וועלט־אנשויאונג איז עס געלעגען, וואָס ער האָט זיי טראַקטירט אַזוי ווי שענע פרויען, און האָט זיי געשטעלט די פאָדערונג, וואָס מען פאָדערט פון אַ פרוי רחמנא, זי זאָל זיין רייצענד, שען שטראַהלענדיג און אמיזאַנט, און — זי זאָל נישט פאָדערן קיין חופּה מיט אַ כתובה און אַ פערבינדעניש אויף אייביג. אויף דעם חאַזיגען געביט, פון אַלערליי פּאָליטישע, מאָראַלישע און עסטעטישע אני מאמינ'ס, איז ער אָהן שום ספק געוועזן דער גרעסטער אנהענגער פון „פריער ליבע“.

מיט איין תנאי: אַז דאָס זאָל נישט זיין גלאַט אַזוי אַ תאוה'לע, נאָר טאַקי אַ ליבע, וואָס פערהאַפט, פערבשופט און פערבלענדט, וואָס מאַכט די אויגען גלאַנצען, און רידהרעוודיגער — האָט בלוט אין די אָדערן.

איך האָב געטראָפען פּרצ'ן אין אַ צייט, ווען ער איז געוועזן בערוישט פון סאָציאַליסטישע אידעען, אמת, נישט געגוג קלאָרע און דורכגעטראַכטע. עס איז געוועזן באַלד נאָך די „יום־טוב־בלעטלעך“, און אנהויב פון דער אַרבייטער־בעוועגונג אויף דער יודישער גאַס. אַרום פּרצ'ן האָבען זיך דעמאָלט גרופּירט עטליכע יונגע סאָציאַליסטען. צו זיי האָט געהערט אויך דוד פּינסקי, וואָס האָט אין די „בלעטלעך“ פערטרעטען שוין אַ „שטאַנדפּונקט“ אַ סאָציאַליסטישען. דער „בונד“ האָט זיך דעמאָלט נאָך נישט געהאַט אָרגאַניזירט. פון די איבריגע יונגע לייט זענען געוועזן אַנהענגער און מיטגלידער פון דער פּ. פּ. ס. און, אויב איך האָב קיין טעות נישט, פון „פּראָלעטאַריאַט“, די ערשטע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע אין פּוילען. פּינסקי'ן האָב איך שוין נישט געטראָפען אין וואַרשאַ, עטליכע פון יענער גרופּע, וואָס האָט מיטגעהאָלפען ביי'ם אַרויסגעבען און פערשפּרייטען די „בלעטלעך“, האָבען זיך יאָ נאָך געהאַלטען נאָהענט צו פּרצ'ן, די דאָזיגע נאָהענטקייט האָט געבראַכט פּרצ'ס אַרעסט, פאַר אַ פאָרלעזונג צום גונסטען פאַר שטרייקענדע אַרבייטער. דער אַרעסט האָט געדויערט דריי חדשים.

פון דער „יודישער ביבליאָטעק“ ביז צו די „יום־טוב־בלעטלעך“ איז אַ היבשער שריט פאָראויס. אין דער ערשטער שטעהט פּרץ נאָהענט צו אַ קרייז פּויליש־יודישער דיפּלאָמירטער אינטעליגענץ. פּראָפ. דיקשטיין, ד"ר גאָלדפלאַם, און דער פערשטאָרבענער גראָסגליק, דער סעקרעטאַר פון דער יודישער גמינע האָבען די אונטערנעהמונג געשטיצט, דער לעצטער האָט, דוכט זיך, מיטגעאַרבייט. די הקדמה צו דער „יודישער ביבליאָטעק“, חאָטש אין ליטעראַרישען זין גלענצענד אויפגעשריבען, קאָן נאָר לויט דער פאָרם גילטען אַלס אַ נייע וואָרט, אין אונזער פּובליציסטיק קאָן זי בלי

ספק ידיענען פאר א קלאסישען מוסטער, אבער אין תוך אריין, לויט דעם איינהאלט נאך, געהער זי צו דער משכילישער ריכטונג. דער לאזונג איז „בילדונג", דער „זשארגאן" איז א מיטעל אמת נישט ווילענדיג ווערט דאס מיטעל דארט אזוי געצערטעלט און עס פיהלט זיך דערציי אזא צוגעבונדענקייט, אז ס'פאסט גאר נישט צו דער אפיציעלער בעקענטניש. איך האב געהערט, אז די דאזיגע אפיציעלע שורות זענען דירעקט געשריבען געווארען אונטער דעם איינפלוס און פערלאנג פון פראפ. דיקשטיין. אויף יעדען פאל אבער האט זיך פרץ אין דער „ביבליאטעק" נישט אבגעטיילט פון קרייז ווארשאווער משכילים צו יענער צייט. מיט עטליכע יאהר פריהער איז ער איינער פון די טעטיגסטע מיטארבייטער ביי דער דורכפיהרונג פון דער יודישער סטאטיסטיק דורך דעם געשמדטען מיליאנער בלאך, וואס האט זיך געשטעלט דאס ציעל אויפצודעקען די יודישע ארימקייט פאר דער רעגירונג. די „רייזע־בילדער" זענען די ליטערארישע ירושה פון יענער אונטערנעהמונג, און — דער איינציגער פאזיטיווער רעזולטאט, וואס האט מעהר ווערט פון דער גאנצער סטאטיסטיק, וואס האט זיך געענדיגט מיט גארנישט, אהן וויסענשאפטליכען און אהן פראקטישען רעזולטאט.

אין די „בלעטלעך" פערשווינדט דער אלטער משכילישער טאן אין גאנצען. דאס איז נישט קיין אויסערליכע ענדערונג, א צופאסונג צו די אומשטענדען. פרץ רייסט אינערליך איבער מיט די איידעען פון די ווארשאווער משכילים. ער ווערט אינערליך פערפרעמדט פון דעם דור שרייבער צווישען וועלכע ער לעבט. ער שטעהט אין דער שארפסטער אפאזיציע צו דער גאנצער העברעאי־שער פרעסע און ליטעראטור פון יענער צייט.

אין דער צייט, ווען איך האב איהם געטראפען, איז נישט געווען קיין שרייבער, קיין שום ליטערארישע ערשיינונג, אחד העם צו י. ל. גארדאן, וואס פרץ זאל האבען דערפאר מעהר ווי עטליכע קורצע ווערטער פון פאלשטענדיגען ביטול. דעם ערשטען איינדרוק, וואס איך האב געהאט פון איהם, איז געווען ווי פון א מענשען, וואס ליגט אין אלץ און אין אלעמען. דאס, פערשטעהט זיך, איז געווען זעהר צוגעפאסט צו מיין דעמאלטיגער שטימונג, און האט מיך שטארק אימפאנירט. ווען איך בין געווארען נייגיריג צו וויסען אויך די פאזיטיווע זייט, וואס ליגט נאך דעם „גארנישט", האב איך געהאט ווייניג גליק.

איך בין געקומען קיין ווארשא מיט דער הילף פון א קרייז ווארשאווער סטודענטען־סאציאליסטען. די ערשטע סאציאליסטישע אקאדעמישע קרייזלעך פון ווארשאווער אוניווערזיטעט האבען זיך פערנומען מיט אויפקלערונג־ארבייט. זיי האבען אגיטירט פיהיגע יונגע לייט פון דער פראווינץ און האבען זיי צוגעגרייט אין אוניווערזיטעט אריין. איך האב דעם סטודענט, וואס האט איינגעארדענט מיין קומען קיין ווארשא, געזאגט, אז איך שרייב, און האב איהם געבעטען, ער זאל מיינע „שירים" ווייזען איינעם י. ל. פרץ און איהם געזאגט די אדרעס. ער האט דאס געטהון נישט גערנווילליג. ער האט דעם נאמען פרץ נישט געהערט. אין עטליכע טעג ארום האט ער מיר געבראכט די ידיעה, אז פרץ'ן האבען די „שירים" זעהר געפאלען און אז ער בעט מיך, ארויפצוקומען. דער סטודענט האט קוים געהאט אנ־אהנונג, וואס די בשורה בעדייט פאר מיר: די פערספעקטיווע צו זעהן פרץ'ן,

צו קאָנען מיט איהם לענגער רעדען איז געווען דער צוועק פון מיין רייזע, די אומוואַהרשיינליכקייט מיט דער אויפקלעהרונג — אַנ'אויסריד, אפשר אַ ניבען־זאַך.

איך בין געווען לאַנג געקליידעט, נור איך האָב זיך נישט זשעניִרט. וואָס טייטש? ער וועט זיך רעכענען מיט אַזוינע דיין־אויסערליכע זאַכען? ער האָט מיך ווירקליך אויפגענומען גאָר גאָר פריינדליך, האַרציג. גערעדט האָט מען רוסיש, וואָס איך האָב אין דער היים בעוויזען צו לערנען אביסעל פון אַ מעטאָדי״ע.

— די שירים טויגען צו גאָר נישט. זיי זענען נישט צייטיג, חאָטש אין זיי איז פאַראַן פיעל מאַלענט.

און ער האָט גענומען אַטוויזש בעזונדערע שטעלען, האָט געלויבט און געטאַדעלט. אין פערלויף פון געשפרעך האָט ער שוין געהאַט אָבגעפּאַרטיגט אַלע גדולים פון יענער צייט. איך האָב בײַ איהם אויסגענומען דערמיט, וואָס קיין גרויסע אָפּאָזיציע פון מיין זייט צו זיין אומבאַרמהאַרציגער קריטיק, צו זיינע שאַרפע אַרונטעררייסענדיגע אויסדריקען, האָט ער נישט געטראָפען. נור בײַ עפּיס אַ האַרב וואָרט קעגען אַחד־העמ'ן האָב איך רעאַגירט. עס האָט מיר שוין אויסגעזעהן צו־שאַרף קעגען דעם שרייבער, צו וועלכען איך האָב געהאַט אַ גרויסע מאָס אַכטונג, וואָס האָט בײַ מיר פיגורירט בעזונדער, נישט צווישען די „לייבטזיניגע, וואָס פּלאַפּלען און רעדען גלאַט“...

פּרץ האָט נישט געדאַרפט מעהר, ווי אַנ'אָנרעגונג, ער איז אַריין אין אַזאַרט. ער האָט גענומען וואַרפען מיט בליצען פון סאַרקאַזם, נישט נור קעגען אַחד־העם, נאָר קעגען אַלץ און אַלע: קעגען דעם גאַנצען גייסטיגען פערמעגען פון יענער צייט, מיט ציוניזם, חיבת־ציון און „השפלה“ צוזאַמען. אַ באַרג אַש איז געבליבען.

איך האָב די חורבות נישט געהאַט וואָס צו בעוויינען, ווייל קיין היים און קיין נעסט האָב איך דאָ נישט געהאַט אויפגעבויט נאָך דער גרויסער „שרפה“ פון דער רעליגיעזער וועלט.

אין מיטען דעם געשפרעך האָט זיך פּרץ פּלוצלינג געווענדעט צו מיר:

— וואַרפט אַוועק די העבּרעאישע שירים. שרייבט אויף יודיש, וועט איהר ברענגען נוצען דער וועלט.

— און וואָס וועט זיין, אַז איך וועל ברענגען נוצען? — האָב איך געפרעגט.

פּרץ האָט מיך אָנגעקוקט עפּיס גאָר מיט אַנ'אַנדער אַרט בליק. דער שפּראַדעלדיגער פאַרביגער טאָן פון זיין געשפרעך האָט זיך געענדערט:

— אַז איהר וועט ברענגען נוצען, וועט איהר זיין מאָראַליש צופריעדען.

— און אַז מען איז מאָראַליש צופריעדען איז וואָס? מען קאָן לעבען און שטאַרבען און נישט זיין מאָראַליש צופריעדען.

ער האָט מעהר קיין שמייכעל אויף זיינע ליפּען נישט געהאַט פאַר מיר. אין קאַלטע ווערטער האָט ער מיר געענטפערט:

— דאָס מוז מען פיהלען.

איך האָב מעהר נישט געפרעגט. דער גלאַנץ פון זיינע אויגען און דער שמייכעל פון זיינע ליפּען, וואָס זענען פערשוואונדען, האָבען מיך מאָמענטאַל געמאַכט געדענקען דעם דיסטאַנץ צווישען מיר, אַ לאַנג־געקליידעטען יונגענמאַן פון דער פּראָווינץ און... י. ל. פּרץ.

דינעזאָהן איז אַריינגעקומען, און עס איז ווידער געוואָרען היימליך.

## ג.

# מאָדערניזם.

איך האָב שוין געזאָגט, אַז פרץ איז פריהער פאַר אַלעם אַ צענטער פון השפעות, אַ ברען־גלאָז פאַר די גייסטיגע שטראַהלען פון דער עפּאָכע. פון אָט דער זייט ווילען מיר איצט איהם זעהן. ערשט דערנאָך, ווען מיר וועלען זיך קלאָהר מאַכען די אַלע השפעות, וועלען מיר קאָנען אַרויסגעפינען, וועלכע פון זיי זענען געווען בעשטענדיגע, טיעפע, וועלכע — צופעליגע און דורכגעהענדיגע; וועלכע פון זיי ער האָט אַסימילירט אין זיך און זיי האָבען בעפרוכטעט זיין פערזענליכקייט און זיין שאַפען, וועלכע פון זיי האָבען זיך נור אָבגעשלאָגען צוריק, ווי פון אַ שפּיגעל.

און אָט וועט זיין אינטערעסאַנט צו בעקענען זיך מיטן גייסט פון יענער צייט ביי וועלכער מיר האַלטען, מיט דער ליטעראַרישער ריכטונג, וואָס איז געווען אין דער מאָדע און האָט בעהערשט די גייסטער.

ניטשע איז געווען דער פּראָטעסט קעגען דעם מאַטעריאַליזם פון פריהערדיגען דור, קעגען דעם וואולגאַרען דעמאָקראַטיזם, קעגען דעם פערלאַנג אונטערצעוואַרפען דעם מענש אונטער דער געזעלשאַפט און דער סביבה. דער אינדיווידואַליזם האָט בעקומען זיין גרעסטען נביא.

די דאָזיגע גרויסע פאַליע פון אינדיווידואַליזם איז געבראָכען געוואָרען אין פערשיעדענע קליינע פאַליעס. איינע פון זיי האָט געהייסען מאָדערניזם. די פאָר־שטעהער זענען געווען פּשיבישעווסקי און סטרינדבערג. שפּורען פון איהם איז צו בעמערקען ביי מאָפּאַסאַנ'ען און אַפילו ביי טשעכאָוו'ן, ערגאַר פאַ, דער אַלטער גייסט פון דעם יונגען אַמעריקאַ, האָט געלעבט און געשריבען פריהער, אָבער, ווי בעוואוסט, איז ער געשטאָרבען פערלאָזט, עלענד און נישט־בעוואוסט אויסער די גרענעצען פון זיין פאָטערלאַנד. ערשט אין יענער צייט ווערט ער „ענטדעקט", געעהרט און געליעבט.

דער דאָזיגער מאָדערניזם איז אַזוי ווייט געווען פון דער סטיכיע, וואָס פון איהר האָט ער געשטאַמט, און דאָך איז ער געווען אַ ליעבלינג־קינד פון איהר. ניטשע האָט גערופען צו גלויבען אין זיך, צו קראַפט און צו העררליכקייט. דער מאָדערניזם פון די דערמאָהנטע שרייבער האָט געריסען און צעפליקט די פערזענליכקייט, איז געווען דורכגעזאַפּט מיט'ן טיעפסטען פּעסימיזם, מיט אַן עקעל צום לעבען. עס איז אינטערעסאַנט דאָ צו נאָטירען אַ מערקווירדיגקייט, אויף וועלכער איך האָב מיך אין יענער צייט אָפּגעשטעלט. שאָפּענהויער, דער פּעסימיסט, בערוהיגט האָט נישט; ניטשע, דער אָפּטימיסט, נאָך אַ קורצער שפרות, וואָס מען פיהלט, ווירקט דריקענדיג. נאָך שאָפּענהויער'ן ווערט מען קליגער, זעהענדיגער, רוהיגער; נאָך ניטשע'ן — אונרוהיגער, דורשטיגער, פערציטערט און צובראָכען. מיר האָבען דאָ צו טהון מיט אַ רעאַקציע, וואָס קומט־פאָר אין גייסט. דער מאָדערניזם איז דער אויסדרוק פון דער רעאַקציע.

פערשטעהט זיך, אַז אויף פּרץ'ן האָט די פאַליע נישט געמיטען. ער איז אַרונטערגעפאַלען אונטער איהר השפּעה ווי יעדער דעמאָלט. אָבער דערין צייכענט זיך אויס פאַר אונז דער מהות פון פּרץ'ן,

זיין אינערליך וועזן, וואָס ער טרייסעלט זיך אָפּ פון איהר ביי דער ערשטער מעגליכקייט.

איך האָב איהם בעאָבאַכטעט צו יענער צייט, און איך געדענק, ווי ער האָט זיך געראַנגעלט מיט דער מאָדערניסטישער ווירקונג, ווי אַיינער, וואָס ראַנגעלט זיך מיט פינסטערע גייסטער און ווילדע, פרעמדע כחות. אין דער טיפעניש פון זיין נשמה האָט ער נישט געקאָנט סובל זיין דעם הויך פון טויט און צעלעגונג, וואָס האָט זיך געטראָגן פון יענער ריכטונג. ער איז אינערליך געווען פרעמד און ווייט דערפון, אָבער דאָס איז דעמאָלט געווען דאָס לעצטע וואָרט, דאָס מאָדערנע און דאָס נייעסטע, און ווי אַזוי האָט ער זיך געקאָנט אָבזאָגן דערפון?...

ווייל פון אַלעם אין דער וועלט האָט פרץ געקאָנט רעדן און טראַכטען, אַלצדינג מענשליכע איז איהם נישט געווען פרעמד, אויסער — דער טויט. ער האָט איהם אינגאַנצן נישט גורס געווען, פערטריבען איהם פון בעוואוסטזיין. ער איז לאַנגע יאָהרען געווען אין דער וואַרשאַווער יודישער גמינע דער בעאַמטער, וואָס האָט געהאַט צו טהון מיט מתים, און איך בין מסופק, צי ער האָט אין זיין לעבען געזעהן אַמאָל אַ מת. ער איז כמעט קיינמאָל ניט נאָכגעגאַנגען נאָך קיין לויה, אויסגעמיטען דאָס בעט פון אַ שווערקראַנקען, און נישט גערעדט פון אַ טויטען. איך ווייס פון פאַלען, ווען נאָהנטסטע און ליעבסטע זענען איהם אָבגעשטאָרבען אין די בליהענדיגסטע יאָהרען און האָבען מיטגעטראָגען מיט זיך אין קבר אַריין זיין טיעפסטע האַרציגסטע ליעבשאַפט, אין ער האָט עקשנות'דיג אויסגעמיטען וועגען זיי צו דערמאַהנען. ער האָט פיינט געהאַט דעם טויט און האָט פיינט געהאַט די געבויגענע עלטער, וואָס שמעקט מיט קברים-בלימלעך. פשוט פיינט געהאַט און דערווייטערט פון זיך אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צו די דאָזיגע מיאוס'ע ענינים.

אָבער די פאַליע איז געווען צו־שטאַרק. זי האָט צוגענומען פון אַלע זייטען. דער דור איז פיל געווען מיט איהר. פרץ'ן האָט זי אַ יאָהר צי צוויי געהעמט אין זיין שאַפען. דאָס איז געווען די צייט פון נאָך זיין אַרעסט ביז צום ערשיינען פון „יוד“ און „הדור“.

אין פרץ'ס טיעפעניש איז געלעגען דאָס זינגענדיגע און שטראַהלענדיגע, וואָס האָט געדאַרפט גאָר אַנאַנדערע אַטמאָספערע. ער האָט, אַזוי ווי זיין חסיד אין „דער גאָלדענער קייט“ בשום אופן נישט געוואָלט אַריינלאָזען דעם וואָכענטאָג צו זיך אין דער נשמה. ביי דער ערשטער געלעגענהייט האָט ער זיך טאַקי אָבגעטרייסעלט דערפון.

עפּיס אַ ברונעטער, יונגערמאַן, געקומען פון ליטאַ, וואָס האָט גערעדט רוסיש ווי אַן אמתער רוס, האָט זיך דעמאָלט געדרייהט אַרום פרץ'ן און האָט זיך יעדען שבת געפונען, צוזאַמען מיט אַלע, אין זיין וואוינונג אויף ציעגלאַניאַגאַס. דער דאָזיגער יונגערמאַן האָט מיטגעבראַכט מיט זיך דאָס ערשטע ביכעל נאָוועלען פון מאַקסים גאָרקי. איך האָב נאָך אין מיין לעבען נישט געזעהן אַ גרעסערע ענטציקונג, אַ גרעסערן גייסטיגען נחת, ווי דעם וואָס פרץ האָט געהאַט פון דעם ביכעל. די אויגען האָבען איהם געשיינט בשעת ער האָט גערעדט דערפון. די ענטציקונג און ליבשאַפט האָט זיך אַזש איבערגעטראָגען אויף דעם יונגענמאַן, וואָס האָט זיך איבריגענס מיט קיין שום זאַך נישט אויסגעצייכענט.

מאַקסים גאָרקי'ס נאָוועלען זענען דעמאָלט פון דער גאַנצער אינטעליגענץ אויפגעכאַפּט געוואָרען אַלס אַ צוריקגאַנג צו אַ געזונדטען קרעפטיגען אָפּטימיזם.

אלס א רוף צום לעבען. פרץ האט אפט מאל ליעב געהאט צו ווארפען א טראטציג סארקאסטיש וואָרט קעגען דער רוסישער ליטעראטור, אזוי זיך אלס צו'ם „רוסישען בארבאריזם". ער האט דאך געלעבט אין א פויליש־יודישער אטמאספערע. אבער דאס קליינע ביכעל איז געקומען אזוי צו דער צייט, האט ווי בעפרייט איהם פון א שווערען קאשמאר.

ד"ר עליאשאוו (דער קריטיקער בעל־מחשבות) האט זיך דעמאלט אויך געפינען ארום פרץ'ן. ער איז געקומען פון בערלין מעהר בעאיינפלוסט פון דעם מאָדערניזם, אליין פערזענליך, לויט זיין שטימונג און סטיל, שטארק מאָדערניזירט, דערצו נאך אנ'אנאליטישער גייסט בטבע, ער איז געווען אין דעם קרייזעל די לעבעדיגע, פערקערפערונג פון דעם מאָדערניזם, וואס האט פרץ'ן אי צוגעצויגען אי געשראָקען מיט דעם אומהיימליכען, און פרעמדען, וואס ער האט דערין געפיהלט.

מיט גאָרקי'ס נאָוועלען האט ער זיך גערייצט, ער האט געטראָצט מיט זיי, ווי א פראָמעטעאס, וואס איז בעפרייט געוואָרען פון זיינע קייטען.

איך דערמאָהן מיך אנ'אנציהענט מיט ד"ר עליאשאוו'ן און, דוכט זיך, מיט מיר אליין אויך, ווען ער האט אונז צוגעוואָרפען קאלטע הארבע ווערטער. ווער האט דעמאלט געקענט פערשטעהן, פון וואנען זיי שטאמען, פון וואנען עס נעהמט זיך דער קאפריז פון דיכטער?

איצט, ווען איך זעה דאס פון דער פערספעקטיוו פון א צוויי צעהנדליג יאהרען, איז עס אזוי קלאר און פערשטענדליך. פרץ איז א יאהר צוויי געשטאנען אונטער דעם צייכען פון עפעס א שווער געמיט, פון א דריקענדיגער וועלטאנשויאונג, וואס איז איהם געווען ווילד־פרעמד, וואס ער האט ניט געקענט אויפנעהמען און אסימילירען אין זיך. ער האט עס ניט געקענט אוועקשארען מיט דעם אלטען ברייטען בטול פון משכילישער אפיקורסישען סטיל, ער האט עס אבער אויך אינערליך ניט געקענט פערטראגען. גארקי איז געווען זיין מרי־אומה, זיין נצחון. און פונקט אזוי ווי ער האט פלוצלינג ליעב בעקומען דעם יונגענמאן מיט די שווארצע האהר און אויגען און געהאלטען איהם פאר דעם לעצטען מוסטער פון בילדונג און אינטעליגענץ, אזוי האט ער אריבערגעטראגען די פרעמדקייט צום מאָדערניזם אויך אויף פערזאנען.

אזוי פיהרען זיך קינדער, אזוי פיהרען זיך פרויען, און אזוי פיהרען זיך — דיכטער.

ד.

# פרץ'ס מעשה'לע און חסידיזם.

פרץ פלעגט ליעב האבען צו דערצעהלען א מעשה'לע, דוכט זיך, פון טויזענד און איין נאכט גענומען, אבער ער פלעגט עס בעפוצען און בערייכערן מיט אייגענע פארבען און בילדער, און שטענדיג ווען ער האט עס דערצעהלט, איז געווען א סימן, אז ער איז אין א געהויבענער שטימונג.

א פערכשופטער בן־מלך וואוינט אין א שלאס פול מיט אלע אוצרות און פראכט פון גאר דער וועלט, אבער מרה־שחורה'דיג איז ער און פערבענקט צו

עפּיס אַנדערש, וואָס ער אַליין ווייסט ניט, וואָס דאָס איז. אַ קליינע צוים טיילט נאָר אָב דעם בן־מלך פון אַ וואַנדערשענעם פּאַרק, וואו עס וואַקסען די שענסטע פּאַלמען, די שטאַרקסטע צעדערן צוזאַמען, די הערליכסטע רויזען און שניי־ווייסע ליליען. אָבער אַן׳אָנזאָג האָט דער בן־מלך אַ האַרבען און אַ פעסטען, ער זאָל ניט איבערטרעטען די צוים ווייל ער וועט שלעכט ענדיגען. היט מען דעם בן־מלך פון אַלע זייטען, מען היט איהם בייטאָג און מען בעוואַכט איהם ביינאַכט, עס זאָל חלילה ניט געשעהן דאָס אומגליק. אָבער די בענקשאַפט איז שטאַרק, און דער בן־מלך קען זי נישט גובר זיין. איינמאָל פאַרטאָג, די וועכטערס האָבען איינגעדרימעלט, גנב׳עט ער זיך אַרויס פון שלאָס און לאָזט זיך געהן אין פּאַרק אַריין.

און די וואונדער און די שענקייטען פון דער וועלט עפענען זיך פאַר זיינע אויגען. די שענסטע בלומען, די הערליכסטע חיה׳לעך, אַלץ איז אַזוי פאַרביג, אַזוי מילד, אַזוי ליעבליך, אַלץ ליעבט און לאַכט און רופט צו זיך; יעדע בלום וויל געפליקט זיין פון זיינע הענד, יעדעס חיה׳לע בעט זיך שטום: טעהם מיך, גלעט מיינע ווייכע סאַמעטענע פעל. געהט ער צו און פליקט אָב די ערשטע בלום, אָבער ווי נור ער עפענט די האַנד, זעהט ער, אַז ער האָט גאָר אַ שטיק קלעפּיגע בלאָטע, און ער וואַרפט עס מיט עקעל אַוועק. ער פּרובט לאַקען צו זיך אַ חיה׳לע, און ווי נור עס געפינט זיך אין זיינע הענד, ווערט דערפון אַ שטיק מיאוס־קייט, אַן׳עקעלהאַפט־קליין־קריכענדיג פעשעפעניש׳על. ער געהט ווייטער, ווידער ווינקט צו איהם אַ בלום, לאַש־טשעט זיך אַ חיה׳לע, ער האָט שוין מורא צו פליקען די בלום, צו גלעטען דאָס חיה׳לע, אָבער זיין האַרץ געהט אויס פון בענקשאַפט, ער פליקט די בלום, און ווידער האָט ער בלאָטע אין האַנד, ער ריהרט זיך צו צום חיה׳לע, ווידער האָט ער אָנגעריהרט אַ שרץ. און אַט געהט ער ווידער אַוועק, זיין צוריקגעהאַלטענקייט ווערט גרעסער, ער איז שוין פיעל מאָל אָנגעלערנט, אָבער די בענקשאַפט ווערט נאָך שטאַרקער, און אַזוי צאַפּעלט זיין נשמה צווישען בעגעהר, מורא און עקעל, פּלוצלונג דוכט זיך איהם, אַ שווערקייט איז בעפאַלען זיינע יונגע פיס... דעמאָלט קומט אַרויס אַ קאַרליק פון אַ הייהל, טראָגט איהם צו צום פּנים אַ שפּיגעלע, און ער דערזעהט דאָרט — אַן׳אַלטען, געבראָכענעם, גרייז־גראָהען מענשען. דאָס איז ער אַליין.

אין דעם דאָזיגען ראַנגלען־זיך מיט בעגעהר, בענקשאַפט און עקעל איז זיין לעבען דורכגעגאַנגען.

פּרץ פלעגט דאָס מעשה׳לע דערצעהלען אַלס לעצטער ענטפער אויף אַלע מעגליכע קשיות, אַלס דאָס וואָרט פון דער לעצטער קלוגשאַפט. און שטענדיג איז עס געווען דעמאָלט, ווען ער איז געווען אין ברען, ווען די אויגען האָבען ביי איהם אַזוי געבליצט און געשמייכעלט. איך האָב עס פיעל, פיעל מאָל פון איהם געהערט, און שטענדיג האָב איך דערביי געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער לייענט זיין אני־מאמין.

דאָס געפליקטע, דערגרייכטע, געפיהלטע איז בלאָטע, עקעל, שען און רייצענדיג איז נאָר די בענקשאַפט.

זיין אייגענע שוואַכקייט, וואָס ער פלעגט זיך אַזוי אָפט איבערוואַרפען פון סטיל צו סטיל, ניט געהאַט אַן׳אייגענעם אויסגעטראָטענעם וועג, אַזוי ווי מענדעלי אַזוי ווי שלום־עליכם, וואָס האָבען נאָך יאָהרע׳ פון זוכען, ענדליך האָד געפונען זייער אייגענעם נוסח— די דאָזיגע שוואַכקייט פלעגט ער מיט דעם מעשה׳לע פאַר־

ענטפערן. אין דעם דאָזיגען מעשה'לע איז שוין געלעגען די אַפּיקורסות צו אַלערליי אַרטען פון גלויבענס און פּראָגראַמען. אַלץ איז אילוזאָריש, האָט אַ ווערט, ווי לאַנג מען רירט זיך ניט צו דערצו, אַלץ איינס, צי דאָס איז אַ געליעבטע, וואָס איז איינמאָל געקושט געוואָרען, אַן אידעע, וואָס האָט איינמאָל באַגייסטערט, אַ פאָרם, וואָס איז איינמאָל אויסגענוצט געוואָרען.

אָבער חאָטש מעשה'לע איז דערציילט געוואָרען נור, ווען פּרץ האָט זיך געפיהלט געהויבען און שטאַרק, ווען עפּיס איז לעבען איז איהם געלונגען, באַזונדער נאָך אַ געלונגענער זאַך, וואָס איז אַרויס פון זיין פעדער, ווען ער האָט געוואונען די אינערליכע זיכערקייט. אָבער באַהאַלטען פון אַלע, און פון אייגענעם באַוואוסטזיין, אין די טיעפעניש פון זיין נשמה האָט דאָך געלעבט דער דראַנג צו געפינען זיך אַליין, די ניט-צופרידענקייט פון דער צערייסענקייט. ווער עס האָט געקענט אַרויסלייענען דעם סוד פון עפּעס אַנ'אומעט, אַ נישט-היימליכען, וואָס האָט אַזוי אָפט זיך אָבגעשפּיגעלט אין זיינע אויגען, דער האָט דאָס געקענט פערשטעהן. און ווי האָט עס דען געקענט אַנדערש זיין! דאָס זעלבע געזעץ, וואָס טרייבט דעם עפּעלבוים „ליעב צו האָבען" נור עפּעל און צו פּרוכטבערן נור עפּעל, דאָס זעלבע געזעץ טרייבט דעם קינסטלער צו געפינען זיין איך, זיין פערזענליכקייט, זיין סטיל. טראָץ דעם, וואָס פּרץ פלעגט אַזוי אָפט אויסלאַכען דאָס געהן אויף אַנ'אויסגעטראָטענעם וועג, טראָץ דעם, וואָס ער פלעגט עס באַפאַלען מיט'ן ביטערסטען סאַרקאַזם אַלס איינזייטיגקייט, ענגהאַרציגקייט, האָט ער דאָך אַליין דאָס ניט צו ווייסען, געזוכט זיין אייגענע איינזייטיגקייט, געבענקט דערנאָך, געשמאַכט דערצו.

עס איז אָבער בעשערט געווען אַזוי, אַז זיין איך, זיין קינסטלערישע אינדיווידואַליטעט, האָבען אַנדערע געפינען אין איהם, איידער ער האָט עס אַליין דערמערקט. דער העכסטער אויסדרוק פון זיין אייגענאַרטיגען סטיל, פון זיין אָריגינאַליטעט ענטפּלעקט זיך אין צוויי קורצע נאָוועלען איינע געשריבען אָריגינעל אויף העברעאיש אונטער'ן טיטעל „משנת חסידים" (אין „החץ"). די צווייטע „מקובלים", געשריבען אָריגינעל יודיש און געדרוקט אין די יום-טוב-בלעטלעך. ווי עכטע קונסט-ווערק פון ערשטען גראַד איז אַלץ דאָרט אַזוי ניי אַז ביז פרעמדקייט, די פאָרם און דער אינהאַלט, די מענשען און די באַציהונג צו זיי. און ווי אַלץ, וואָס איז ניי-געשאַפען, וואָס פערקניפּט זיך כלל ניט מיט דעם שאַבלאָן און געוואוינהייט, זיינען די נאָוועלען פון קיינעם ניט באַזונדער באַמערקט געוואָרען, אפילו ניט פון דיכטער אַליין. וועלכע פּרץ'ס זאַכען האָבען מיר, זיינע פערעהרער, אין פּרץ'ס הויז ניט אַרומגערעדט? פון „מאָניש" ביז צום לעצטען פעליעטאָן אין די בלעטלעך קעגען די חובבי ציון. פון די „מקובלים" און משנת חסידים געדענק איך ניט, אַז מען זאָל די ערשטע יאָהרען האָבען גערעדט. פּרץ אַליין האָט די זאַכען קיינמאָל ניט דערמאָהנט.

די באַווערטונג פון די זאַכען קומט צוליעב אַנ'איינפאַל פון אויסען. ווידער האָט אַ ווינדעל געבלאָזען פון אויסלאַנד.

אַ קרייזעל יודישע סטודענטען אין בערלין, צווישען וועלכע עס האָט זיך געפונען מיכה יוסף בערדיטשעווסקי, האָבען זיך אָנגערעגט מיט די ניטשעאַנישע און מאָדערניסטישע אידעען פון יענער צייט. אַלס אינדיווידואַליסטען האָבען זיי זיך שטאַרק אונטערגעשיידט פון יענעם טייל יודישער יוגענד, וואָס זענען געווען

בעהערשט פון דער סאָציאַליסטישער אידעאָלאָגיע. בערדיטשעווסקי, א טיעפזיניגער און אָריגינעלער קאָפּ, איז געווען דער פיהרער פון דער גרופּע. ער האָט געמאַכט די ערשטע פּראָבע איבערצוטראָגען די נײַע אידעען אויף דער יודישער גאַס, בעסער געזאָגט, אויף דער יודישער געדאַנקען־וועלט. ער האָט דערקלערט מלחמה אחד־העמ'ן מיט זײַן טרוקענעם ראַציאָנאַליזם, און מיט דעם רוחניות און מוסר, וואָס זאָלען זײַן דער אינהאַלט פון יודישען גײַסט. מיט דעם זעלבען וועג איז ער געקומען צו זײַן א מליץ־יושר אויף די חסידים מיט זײער אינדיווידואַליזם און פערטיעפונג פון איך אלס א געגענזאַץ צום טרוקענעם תלמודיזם. די דאָזיגע גרופּע האָט אויף אײגענע קאָסטען אַרויסגעגעבען בערדיטשעווסקי'ס העברעאישע בראָשורען „שנוי ערכין" און די איבעריגע, אויף וועלכע קײַן פערלאַג און קײַן צײַטשריפט איז ניט געווען קײַן בעלן.

צו וואָס בערדיטשעווסקי איז געקומען אויפ'ן וועג פון דענקען, דאָס איז פּרץ'ן ווי א נבואה שוין לאַנג געהאַט ענטפּלעקט געוואָרען. בערדיטשעווסקי'ס קאַמפּף־אויסרוף, זײַן הײסע אַפּאָלאָגיע פון חסידיזם האָט דערגרײכט קײַן וואַרשא. אין פּרץ'ס ליטעראַרישן קרײַזעל, איז מען אויפמערקזאַם געוואָרען אויף בערדיטשעווסקי'ן, און בינו־לבינו האָט מען ענטדעקט דעם אוצר, וואָס איז אײגענטליך שוין לאַנג געלעגען אָפען. אַנ'אמת'ע חסידישע דיכטונג, פאַרטיג און גרײט צום געניסען.

דאָס האָט אויך געהאַט א ווירקונג אויף פּרץ'ן וואָס ער האָט דערנאָך גענומען מיט מעהר אויסגעהאַלטענקײַט מיט דעם פולען בעוואוסטזײַן, אַזוי צו זאָגען, „בכוונה תחילה" צו בעאַרבײַטען דאָס געביעט פון חסידות.

צי די שאַפונגען מיט'ן פולען בעוואוסטזײַן האָבען איבערגעשטיגען יענע ערשטע, וואָס זענען ווי בליצען אַרויס פון זײַן נאָך פערנעבעלטער נשמה — דאָס איז שוין אַנ'אַנדערע פראַגע.

פּרץ'ן הויבט אָבער אָן אויף יעדען פאַל צו ציהען צום אײגענעם וועג, צו זײַן סטיל און צו זײַן שורש.

ה.

# פאָלקס־ליעדער.

די ערשטע זאַמלונג פון פאָלקס־ליעדער האָבען פאָרגענומען מיט א וויסענשאַפטליכען צוועק מאַרק און גינזבורג אין פּעטערבורג. נור נאָך אײדער דאָס בוך איז אַרויס, פלעגען שוין פאָלקס־ליעדער געזונגען ווערען בײַ פּרץ'ן אין שטוב יעדען שבת. צווישען דעם קרײַזעל, וואָס פלעגט זיך דאָ פערזאַמלען, איז געווען ה' כהן, א זינגער־מאַכער לויט זײַן פּראָפעסיע, וואָס איז געווען אמת פערליעבט אין די ליעדער. ער האָט זיי געשעפּט פון די ערשטע קוועלען, אין די וואַרשאַווער „קנײַפּעס", אין אַלע ערטער, וואו יונגע און מײדען פלעגען זיך צוזאַמענקומען צו טאַנצען און צו זינגען. דיעזער ה' כהן איז דער בעסטער קענער פון די יודישע פאָלקס־ליעדער. און זײַן זאַמלונג וואָס איז ערשינען אין ניו־יאָרק, איז, לויט מײַן מײנונג, דאָס שענסטע און בעסטע אויף דעם געביט. אָהן ווײסענ־

שאפטליכער פעצאנטעריע, אבער מיט זעהר פיעל געשמאק און פערשטענדניש און מיט גענוג פאר־קענטניש, וואס ער האט זיך מיט מיה און פלייס דערווארבען, איז ער צוגעגאנגען צו זיין אויפגאבע. ער איז געווען שטענדיג אימשטאנד איבערצוגעבען די בעזונדערע רייצען פון יעדען ליעדעל, די פיינסטע ניואנסען פון די הארציגע איינפאכע מעלאדיעס.

אויף פרץ'ן און אויף זיין קרייז האבען די ליעדלעך געווירקט ווי א נבואה, ווי אנ'אפענבאהרונג. מיר האבען אלע געהאט דעם איינדרוק, אז א פרישער קוואל, א לעבעדיגער און א שפרודעלדיגער האט זיך געעפענט. נישט נאר, וואס די ליעדלעך האבען ענטציקט מיט זייער נישט־געקינסטעלטער פאעזיע, מיט זייער אינערליכער וואהרקייט, מיט זייער טיעפער הארציגקייט, זיי האבען נאך געוועקט און גערופען צו א וועלט, וואס איז געווען אינגאנצען אומבעקאנט דעם יודישען אינטעליגענט סיי דעם אלטען, אין דער פארם פון א בן־תורה, סיי דעם נייעם, אין דער פארם פון משכיל און געבילדעטען. אט לעבט א פאלק און זינגט! זינגט פון ליעבע, פון בענקשאפט, פון פרייד און צער! א פאלק, וואס ווייסט גאר ניט צו זאגען פון די אלע קרומענישען און וועהנישען און האהר־שפאלטענישען פון אונזער טראדיציאנעלער און מאדערנער אינטעליגענץ! די ווייטערע רעוואלוציע פון געדאנקען און אנשויאונגען, וואס די ענטדעקונג האט ארויסגערופען, קאן זיך דער לעזער אליין אויסמאהלען, און ער וועט זיך דערמאהנען, ווי ווייט ביי אונז איז פערשפרייט געווען (און צי נאר געוועזן?) די איבערצייגונג, אז יודען זענען פון איין זייט אנ'„עם סגולה", אנ־אויסדערוועהלט פאלק, וואס איז לויטער גייסט, און פון דער אנדערער זייט איז עס פערקרימט, אהן א חוש פאר נאטור, פאר איינפאכקייט, פאר ליעבע, שענקייט און פאעזיע.

דאס איז א ליגען! — האט זיך אנ־אינערליכער פראטעסט געריסען אנטקעגען דער אנגענומענער מיינונג. דאס איז אייער קרומקייט, אייער נישט־נאטירליכקייט, אייערע — די בני־תורה'ס און אינטעליגענטען'ס — וואס איהר טראגט־איבער אויפ'ן פאלק. דאס פאלק בעשטעהט פון נאטירליכע געזונטע מענשען. איהר האט פאר דעם פאלק גערעדט, און דעריבער איז עס ארויסגעקומען אזא פערזעהעניש. דאס פאלק איז שטום געווען. לאזט עס נאר קומען צום ווארט, לאזט עס רעדען פאר זיך אליין, און איהר וועט דערהערען נישט די שטים פון פרינץ און נישט די שטים פון הונד (אין היינע'ס בעקאנט געדיכט), נאר פון א מענש!...

דערווייל אבער האבען די ליעדער געווירקט ריין־עסטעטיש. א האלבע צייט פון די שבת'דיגע צוזאמענקומענישען ביי פרץ'ן האט מען פערברענגט אין זינגען די פאלקס־ליעדער אין א מאדערנער געהויבענער שטימונג. ארגיעס פון פאעטישער ענטציקונג זענען דאס געווען, פון יענע איבערלעבענישען, אין וועלכער דער גייסט ווערט פארמירט אזוי ווי מעטאל אין א פלאם. אויך פרץ'ן האבען די איבערלעבענישען געבראכט נאהנטער צו זיין איך און צו זיין שורש. די פרוכטען פון די איבערלעבענישען זענען צייטיג געווארען ערשט שפעטער — אין די „פאלקסטימליכע געשיכטען", וואו דער איבערקלוגער, געשפיצטער פרץ, דער זוכער פון נייע וועגען, הער אנהענגער פון א פערוויקעלטען סטיל מיט אנצוהערענישען, איז צוריקגעקומען צום פשוט'ן און הארציגען און דאך —

אזוי אינדיווידועלען, אזוי כאראקטעריסטישען פאר פרץ'ן.

דער סוד פון אַן'אייגענעם סטיל (וואס פרץ האט דערגרייכט אין די „פאלקסטימליכע געשיכטען") ליעגט שטענדיג ביים קינסטלער אין דעם פראצעס, וואס פעראייניגט אין איהם די פערשיעדענע עלעמענטען פון זיין גייסט, די, מיט וועלכע ער איז געקומען אויף דער וועלט, און די, וואס זענען א פראדוקט פון זיין לעבען און אומגעבונג. דאס איז א פראצעס פון ארגאנישען איבערארבייטען די פערשיעדענע עלעמענטען אויף א נייעם שטאף, וואס איז אריגינעל, ווייל דעם קינסטלער'ס נשמה איז זיין לאבאראטאריע, און וואס איז אינדיווידועל, ווייל ער איז איין־איינציג אין דער וועלט פון ערשיינונגען.

פון דער צייט, וואס די פאלקס־ליעדער האבען געהאט אזא ענטשיידענדיגע ווירקונג אויף פרץ'ן, ביז צו די „פאלקסטימליכע געשיכטען" ליעגט א שטיק צייט, היבשע עטליכע יאהר. די צייט איז פול מיט פערשיעדענע פערזוכען, וואס פרץ האט געמאכט אויף דעם געביט פון דער חרזמא, מיט איינפליסען פון ווינספיאנסקי'ן, און אנדערע פרובען, וואס האבען זיך מעהר אדער ווייניגער איינגעגעבען.

איך היפער־איבער די צייט טיילווייז, ווייל איך האב זי נישט מיטגעלעבט, זייענדיג אפט ווייט פון ווארשא, טיילווייז, ווייל איך רעכען נישט, אז זיי שפיעלען א וויכטיגע ראָליע אין פרץ'ס אינערליכען וואוקס.

אין די „פאלקסטימליכע געשיכטען" זענען פעראייניגט די צוויי הויפט־מאמענטען פון פרץ'ס שאפען, דער חסיד'ישער ברען, וואס איז אין איהם געווען פון דער נאטור, און דער צוריקגאנג צום פאלק, דער דראנג צו הארציגקייט און נישט־געקינסטעלטקייט, וואס איז רעאליזירט געווארען ערשט נאך לאנגע זוכען און בלאנדזשען אויף אייגענע און פרעמדע וועגען און שטעגען.

ווען איש האט זיך בעוויזען, הערנאך ווייסענבערג, די אמת'ע פערטרעטער פון דער פאלקס־נשמה, וואס מיט זייער מויל רעדט דאס פאלק אליין, האבען אלע געפיהלט, אז די בשורה, וואס די פאלקס־ליעדער האבען אנגעזאגט, ווערט מקוים. דאס פאלק איז געווארען רעדעוודיג און מינדיג.

דערמאלט איז געקומען אויך די צייט, וואס דער, וואס האט מיט זיך געטראגען דאס שענסטע און פראכטיגסטע פון לאנגע דורות תלמיד־חכמ'ישער גייסטיגקייט, דעם קווינטעסענץ פון א דור־השכלה, האט אויך דערקוויקט זיין גייסט מיט דעם פרישען וואסער פון א ניי־ענטדעקטען קוואל, האט זיך אליין געפונען און זיין שענסטע ליעד געזונגען.